# לעקסיקאָן

## פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור

### פינפטער באַנד

### ל — מ

ביבליאָטעק פון דער משפּחה קאַץ
מעניקע, רבקה און הירש-דוד

אַרויסגעגעבן פון
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס
[פאַראייניקט מיט „ציקאָ"]
ניו-יאָרק

סעט מאָם — מזלות, דערציילונגען, ב״א, 1954, 330
זז׳. וואוינט אין ב״א.

אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע,
ב״א, 1944, ז׳ 936; א. א. ראָבאַק, אילוסטרירטע ליטעראַ-
רישע בלעטער, ב״א, נאָוו׳-דעצ׳, 1954; י. גלאַטשטיין,
דאָרט, מאַי-יוני, 1955.

ב. ע.

## לייבאָוויטש, צבֿי־הירש־יוסף — (1863 — 20סטן נאָווי, 1885)

— געב׳ אין באָטאָשאַן, רומעניע.
געלערנט אין חדר, ישיבֿה, דערנאָך געוואָרן אַ משׂכּיל.
געווען טעטיק אין דער „חיבת ציון״־באַוועגונג. מיט־
גרינדער פֿון ערשטן ציוניסטישן פֿאַראיין „מוריה״
אין באָטאָשאַן. אַרומגעפֿאָרן מיט רעדעס לטובֿת ישובֿ־
ארץ־ישׂראל איבער דער רומענישער פּראָווינץ. —
אָנגעהויבן שרײַבערישע טעטיקייט מיט ייִדישע און
העברעאישע קאָרעספּאָנדענציעס אין עבֿרי אנכי, בראָד,
1881, דערנאָך געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון חבֿצלת,
ירושלים, המליץ, אָדעס, און אין ייִדיש־רומענישן
איזראַעל. געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער צוויי־וואָכנ־
שריפֿט התוקע („צײַטונג פֿאַר דעם אידישען פֿאָלק״
מיט דעם מאָטאָ: „ותקע בשופֿר והזהיר את העם״).
איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצייזיש די קינדער־פּיעסע: שבֿר
גאון, טשערנאָוויץ, 1881, 30 זז׳. געשריבן אויך א״פּ
צל״צל. בעת זײַנע נסיעות קראַנק געוואָרן, זיך קוים
דערשלעפּט קיין באָטאָשאַן און דאָרט געשטאָרבן.

ד״ר מ. ערנפּרײַז, עבֿרי אנכי, בראָד, 4טן דעצ׳, 1885; א. ר.
מלאכי, פּנקס פֿון אַמ. אָפּטייל פֿון ייִוואָ, ב׳ 2, נ״י, 1929,
זז׳ 84-85; ש. ראָמאַן, פֿילאָלאָגישע שריפֿטן, 3, ווילנע,
1929, ז׳ 529; ד״ר י. קלוזנר, חיבת ציון ברומניה, ירו-
שלים, תשי״ח, זז׳ 167, 259; י. י. כהן, ארשת, ג, ירושלים,
תשכ״א, זז׳ 336-337.

ח. ל. פֿ.

## לייבאָוויץ, שמואל — (1912 — )

—
געב׳ אין פּאָניעוועזש, ליטע. אין 1929 געקומען קיין
דרום־אַפֿריקע. געמסחרט אין קליינע ערטער אַרום
יאָהאַנעסבורג. אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע דערציילונגען
אין אַפֿריקאַנער אידישע צײַטונג (יאָהאַנעסבורג,
1931), נאָך דעם פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי דערציילונגען
אין דעם ח״זש פּאָרויס — אויסגאַבע פֿון דעם ייִדישן
קולטור־פֿאַראיין, יאָהאַנעסבורג, 1938־1939. אין דרום־
אַפֿריקאַנער זאַמלבוך (יאָהאַנעסבורג, 1945) פֿאַרעפֿנט־
לעכט זײַן לענגערע דערציילונג „בערע״. זײַן טעמאַטיק
נעמט אַרום אויך דאָס אַרומיקע נעגער־לעבן. דרוקט
אויך אין דרום־אַפֿריקע, ח״זש פֿון דער קולטור־פֿעדע־
ראַציע אין יאָהאַנעסבורג. וואוינט אין יאָהאַנעסבורג.

דרום-אַפֿריקאַנער זאַמלבוך, יאָהאַנעסבורג, 1945, ז׳ 142.

ח. ל. פֿ.

## לייבל, דניאל — (20סטן נאָווי, 1891 — )

—
געב׳ אין דעמביץ, מערבֿ־גאַליציע, בײַ אַ פֿאָטער אַ
משׂכּיל און חובֿבֿ־ציון. אין 1899 האָט די פֿאַמיליע
זיך אַריבערגעצויגן קיין טאָרנע (טאַרנאָוו), וואו ל׳
האָט געלערנט אין חדר און אין אַ פּוילישער פֿאָלקסשול,
שפּעטער געלערנט גמרא אין בית־המדרש. אין 1909
אָנגעקומען אין פֿינפֿטן קלאַס גימנאַזיע, אָבער אַ יאָר
שפּעטער האָט מען אים אויסגעשלאָסן „פֿאַר ציוניזם
און סאָציאַליזם״. אַדאַנק דער ווירקונג פֿון יעקבֿ
קענער, פֿון דער פֿריער יוגנט אָן געווען טעטיק אין
דער פּועל־צ־יוגנט־באַוועגונג, געוואָרן שטאַרק באַווירקט
פֿון ד״ר יצחק שיפּער. בעת דער פֿאָלקסציילונג אין
עסטרײַך אין 1910 אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף
פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש. אין 1914 געלערנט אין דער
גימנאַזיע אין דעמביץ און באַקומען מאַטורע. שטודירט
דערנאָך יוריספּרודענץ אין ווינער אוניווערסיטעט,
אָבער בעיקר זיך אינטערעסירט מיט סעמיטישער
פֿילאָלאָגיע, זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען מיט ייִדישער
לינגוויסטיק און אָנגעשריבן אַן אַרבעט אויף דער
טעמע „דער וואָקאַל־באַשטאַנד פֿון פּרעגער ייִדיש אין
אָנהייב פֿון 18טן יאָרהונדערט״, אָבער בעת דער
ערשטער וועלט־מלחמה איז די אַרבעט פֿאַרלאָרן גע־
גאַנגען. האָט צוויי יאָר געדינט אין עסטרײַכישן מילי־
טער. אין 1917 דעביוטירט אין דער יודישער אַרבייטער
(ווין) מיט אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן ד״ר נתן
בירנבוים. אין 1919 געקומען קיין וואַרשע, וואו גע־
וואָרן רעדאַקציע־סעקרעטאַר פֿון פּועל־צ־אָרגאַן אַרביי־
טער־צײַטונג און רעדאַקטאָר פֿון דער יוגנט־צ״ש דער
יונגער קעמפֿער, וואו אײַנגעפֿירט די מיינסטע כּללים
פֿון מאָדערנעם ייִדישן אויסלייג. געווען אַן אינסטרוק־
טאָר אויף די לערער־קורסן פֿון דער צענטראַלער
ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע (ציש״אָ) און אַ מיטגליד
פֿון ציש״אָ־פֿאַרוואַלטונג. בעת דער פּאַרטיי־שפּאַלטונג
פֿון די פּוע״צ געבליבן מיט די לינקע פּוע״צ. געשריבן
פּאָליטישע אַרטיקלען, ליטעראַטור־קריטיק און אָפּ־
האַנדלונגען אויף טעמעס פֿון ייִדישער לינגוויסטיק.
ווי דער „זיץ־רעדאַקטאָר״ פֿון דער אַרבייטער־צײַטונג
געזעסן עטלעכע חדשים אין מאָקאָטאָווער תּפֿיסה אין
וואַרשע און באַפֿרײַט געוואָרן אויף אַ קויצע פֿון אַ
פֿערטל מיליאָן פּוילישע מאַרק, וואָס איז צוגעשטעלט
געוואָרן דורך דעם ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין און
דורך ל׳־ס חבֿרים אין טאַרנאָוו. אין 1923, אויפֿן וועג
קיין ארץ־ישׂראל, געלעבט 8 חדשים אין בערלין. אין
מאַי, 1924, עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל אויף אַ
נאַנסען־פּאַספּאָרט, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט
אויפֿן נאָמען אַלכּסנדר־דוד, — דערפֿון זײַן פּאַרטיי־
פּסעוודאָנים „אלכּסנדר״. געאַרבעט צו ערשט בײַ
פֿעלד־מעסטערײַ. איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר
פֿון קול הפּועל, דעם ערשטן זשורנאַל פֿון די לינקע
פּוע״צ אין א״י, און רעדאַקטירט די אויסגאַבעס
„איינס״, „צוויי״, אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישן ליטעראַטן־

פֿאַראיין אין ת"אָ. זינט דער גרינדונג פֿון דבֿר, אָרגאַן פֿון דער „הסתּדרות העובֿדים", געוואָרן דער קאָרעקטאָר, דערנאָך סטיליזאַטאָר פֿון דער צײַטונג. געווען רעד' פֿון דער װכ"ש נײַוועלט, אַרויסגעגעבן פֿון די לינקע פּוע"צ. אַליין אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער און דיכטער, איז ער געווען אַקטיוו אין קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש אין א"י. איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן בעת אַן אָנפֿאַל פֿון די עקסטרעמיסטישע יוגנטלעכע העברעאיסטן פֿון „גדוד מגיני השׂפה". געהערט צו דעם ראַט פֿון דער „מפּלגת פּועלים מאוחדת" (מפּ"ם), ווען זײַן פּאַרטיי „אחדות העבֿודה" (מיט די לינקע פּוע"צ) איז געווען פֿאַראייניקט מיטן „השומר הצעיר". געווען אַ מיטגליד פֿון דער קאָנטראָלקאָמיסיע פֿון דער אַרבעטער־„הסתּדרות". 1948-1945 געווען סעקרעטאַריאַט־מיטגליד פֿון תּל־אָבֿיבֿער אַרבעטער־ראַט. אין 1939 געווען אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין זשענעווע, דעם לעצטן קאָנגרעס פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, און אין 1946 צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, דעם ערשטן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעלעגאַט צו דער „אַספֿת הנבֿחרים". מיטגרינדער פֿון דעם העברעאישן זשורנאַליסטן־פֿאַראיין („אגודת העתּונאים"). זינט 1956 — „חבֿר־יועץ" פֿון דער „אקדמיה ללשון העבֿרית" און באַטייליקט אין אירע אויסגאַבעס לשוננו און לשוננו לעם, אויך אינעם שנתון פֿון דבֿר, אין תּרביץ, ידיעות החבֿרה לחקר העתּיקות און בית־מקרא. פֿאַרעפֿנטלעכט לירישע לידער אויף ייִדיש און אין העברעאיש, — די העברעאישע שירים א"פּ „מ. סתר" — אין העובֿד, וואַרשע, 1921, העולם, 1924-1923, און הפּועל הצעיר, 1925. אין בוכפֿאָרם: אין גרינעם לאַמפּענשײַן — לידער פֿון איין פּעריאָד (פֿ"ג „טורעם", וואַרשע, 1922, 24 זז'). האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקיס דניאל, פֿ"ג „די צײַט", וואַרשע, 1922, 42 זז', און ריכטער, פֿ"ג „אַרבעטער־היים", וואַרשע, 1922. זײַן העברעאישע איבערזעצונג פֿון יוליוש סלאָוואַצקיס אנהלי איז דערשינען אין צוויי אויסגאַבעס — פֿ"ג „מצפּה", 1929, און פֿ"ג „תּרשיש", ירושלים, 1962. האָט אויך איבערגעזעצט אויף ייִדיש דעם ערשטן אַקט פֿון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס דראַמאַטישער פּאָעמע פּראָמעטעאוס און סיזיף. זײַנע ייִדישפֿאָרשונגען שליסן אײַן די אַרבעטן מזרח־ייִדישער אור־דיאַלעקט (אין זמ"ה אונזער לעבן, צום דריטן יאָרצײַט פֿון ב. באָראָכאָוו, וואַרשע, 1921) און די מילואים צו מאַקס ווײַנרײַכס אַרבעט „קורלענדער ייִדיש" אין לאַנדוי־בוך, 1טן ב' פֿון די פֿילאָלאָגישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ (ווילנע, 1926). ווען ער האָט זיך (נאָך 32 יאָר) צוריקגעצויגן פֿון זײַן אַרבעט אין דבֿר און בכלל פֿון פּאַרטייאישער טעטיקייט, ווי אויך דערנאָך, צו זײַן 70יאָריקן יובֿל, זײַנען אין דער פּרעסע דערשינען אָפּהאַנדלונגען וועגן אים. האָט רעדאַקטירט דאָס זמ"ב דעמביץ. וואוינט אין ירושלים.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב' 2 (מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע); ספֿר האישים, ת"אָ, תּרצ"ז, ע' 304; דבֿ סדן, קערת צמוקים, ת"אָ, ת"ש, און קערת אגוזים, דאָרט, ת"ש, זוכצעטל; זמ"ב טאָרנע, ת"אָ, תּשי"ד; ספֿר השנה של העתּונאים, תּשט"ו, ע' 222; ד. תדהר, אנציקלופדיה לחלוצי הישובֿ ובוניו, כרך רביעי, ת"אָ, עמ' 1882-1881; ב. קוטשער, געווען אַמאָל וואַרשע, פּאַריז, 1955, זוכצעטל; ד. ל. (דוד לאַזאַר), מעריבֿ, ת"אָ, ג' טבת, תּשי"ז; מ. קאַפּליוק, דבֿר, ת"אָ, תּשי"ז; מ. ראַוויטש, מײַן לעקסיקאָן, ב' 3, ז' 222-221; מ. ווייכערט, וואַרשע, ת"אָ, תּשכ"א, זוכצעטל; ש. שחריה, אונדזער וועג, נ"י, נאָוו', 1961; י. ז. (זרובבֿל), פֿאָלקס-בלאַט, ת"אָ, נאָוו', 1961; ריקודה פּאָטאַש, י. צ. שאַרגל, די שטימע, נ"י, דעצ', 1961.

## לייבנער, זש. (שניאור־זלמן) — (28 סעפּטי, 1880 — ) — געב' אין פּאַנטשע, רומעניע.

זון פֿון אַ שוחט. געלערנט אין חדר, שפּעטער אין אַ גימנאַזיע. זיך פֿרי פֿאַראינטערעסירט מיט ליטעראַטור, אויך מיט דער ייִדישער. 1898 אָנגעהויבן זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער בוקאַרעשטער *Revista Idee* (רעד' פּ. מאָשאָי), וואו אויך פֿאַרעפֿנטלעכט רומענישע איבערזעצונגען פֿון פּרצן, מענדעלען, שלום־עליכמען. 1903 געקומען קיין אַמעריקע, צוויי יאָר שטודירט אין „אינדאָסטריעל קאָלעדזש" אין לעקלעיר (אילינאָי). 1904 געקומען קיין שיקאַגאָ, וואו, צוזאַמען מיט לעאָן זאָלאָטקאָף און ה. ל. מייטיס, געגרינדעט דעם יודישען רעקאָרד (װכ"ב, 1910), אָבער זײַן הויפּט־טעטיקייט ווי אַ שרײַבער איז געווען פֿאַרבונדן מיט שיקאַגער אידישען קוריער (זינט 1915). ל' האָט געהאַט אויף אַ צײַט פֿאַרלאָזט די צײַטונג, אָבער אין 1918 צוריקגעקומען, צו ערשט געווען נײַעס־רעדאַקטאָר, דערנאָך „פֿאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר". געשריבן (אויך א"פּ: בן־דובֿ, שניאור־זלמן א"אַ) אַרטיקלען, סקיצעס, לעבנסבילדלעך. זײַנע וואָכנטלעכע פֿעליעטאָנען „דער ייִד מיט די ניסלאַך", „טשאַרלי דער פֿאָליסמען" און זײַן קאָלום „קהלשע בימה" זײַנען גוט באַקאַנט צווישן די לייענערס. „...ל' (...) שרײַבט אין אַ פֿליסיקן סטיל (...) באַזיצט אַ מערקווירדיקע אינטואיציע, אַ קלאָר אויג" (תּשר"ק). 1938-1933 געווען רעדאַקטאָר פֿון שיקאַגער װכ"ב דער עקספּרעס. האָט איבערגעזעצט ראַנטי ראָמאַנס פּיעסע מנשה, וואָס איז אין 1904 אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון אַ ייִדישער טרופּע אין שיקאַגאָ. אין 1926 איז אין שיקאַגאָ געפֿײַערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יובֿל פֿון זײַן זשורנאַליסטישער טעטיקייט. לייבנער איז אויך געווען פּרעזידענט פֿון שיקאַגער י. ל. פּרץ שרײַבער־פֿאַראיין זינט 1926, „קאָמישיאָנער אָוו דהע סטעיט נאָרמאַל סקולס אין אילינאָי" און געווען באַקאַנט אויך אונטער דעם ענגלישן נאָמען: James Bernard Loebner.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב' 2 (מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע); ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער, ב' 2; מ. חזקוני (שטאַרקמאַן), פּנקס שיקאַגאָ, תּשי"ב; H. L. Meites, *History of the Jews of Chicago*, Chicago, 1924,